א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת וירא

## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### אברהם האט זיך געקליגט ביי זיין תפילה

**"הַאַף תִּסְפֶּה צַדִּיק עִם רָשָׁע: אוּלַי יֵשׁ חֲמִשִּׁים צַדִּיקִם בְּתוֹךְ הָעִיר הַאַף תִּסְפֶּה וְלֹא תִשָּׂא לַמָּקוֹם לְמַעַן חֲמִשִּׁים הַצַּדִּיקִם אֲשֶׁר בְּקִרְבָּהּ"** (יח כג-כד)

פארוואס האט אברהם אבינו אנגעהויבן מיט א קליינע בקשה, אז די צדיקים פון סדום זאלן נישט געשטראפט ווערן צוזאמען מיט די רשעים, און נאר שפעטער האט ער געבעהטן אז זיי זאלן אויך באשיצן אויף די רשעים?

ערקלערט דער **'כתב סופר'**:

אברהם אבינו האט מורא געהאט אויב ער וועט אין אנהויב דאווענען אויף די רשעים זיי זאלן ניצול ווערן אין די זכות פון די צדיקים, וועט זיין תפילה נישט העלפן נאר פאר די צדיקים, ווייל 'תפילה עושה מחצה' (ויק"ר י ה). דעריבער האט ער פריער געזאגט: "הַאַף תִּסְפֶּה צַדִּיק עִם רָשָׁע", ד.מ. אויף די צדיקים דארף איך נישט דאווענען, און מיין תפילה איז נאר אויף די רשעים פון סדום, אז זיי זאלן ניצול ווערן אין די זכות פון די צדיקים וואס זענען דארט.

### תשובה דרייט איבער פון א 'רשע' אויף א 'צדיק'

**"וַיֹּאמֶר ה' אִם אֶמְצָא בִסְדֹם חֲמִשִּׁים צַדִּיקִם בְּתוֹךְ הָעִיר וְנָשָׂאתִי לְכָל הַמָּקוֹם בַּעֲבוּרָם"** (יח כו)

פארוואס שטייט: "אִם אֶמְצָא" וואס איז א לשון עתיד, עס איז דאך פארן אויבערשטן קלאר אויב עס זענען יעצט פאראן פופציג צדיקים אין סדום?

זאגט **רבי אייזיק אָזבַּאנד** דער ראש ישיבה פון טעלז אין קליוולאנד:

עס ווערט געברענגט שפעטער אין תרגום יונתן (יט כד) אז בעפאר דער אויבישטער האט איבערגעדרייט סדום מיט עמורה, האט ער פריער געברענגט אויף זיי א רואיגע רעגן כדי זיי זאלן נתעורר ווערן צו תשובה, און ווייל זיי האבן זיך פארהוילן פון דעם האט ער איבערגעדרייט די שטעט.

לויט דעם קען מען זאגן אז דאס האט דער אויבישטער געזאגט פאר אברהם: כאטש יעצט זענען נישטא קיין צדיקים אין סדום, דאך "אִם אֶמְצָא בִסְדֹם חֲמִשִּׁים צַדִּיקִם" - וואס וועלן תשובה טוהן פון גרויס פחד, וועל איך מוחל זיין פאר אלעמען וועגן זיי.

'לקח דעת'

### א תפילת פון א נביא העלפט נישט נאכן זאגן נבואה

**"וְעַתָּה הָשֵׁב אֵשֶׁת הָאִישׁ כִּי נָבִיא הוּא וְאִם אֵינְךָ מֵשִׁיב דַּע כִּי מוֹת תָּמוּת"** (כ ז)

**רבי שמואל פייבוש כהנא** א אייניקל פונעם סמ"ע זאגט אזוי פשט:

תוס' זאגט אין מסכת מועד קטן (כא א ד"ה דאי) אז א נביא וואס האט געזאגט א נבואה אויף איינעם אז ער וועט שטארבן, איז ער שוין גערעכנט ווי א טויטער, ווייל אפילו אויב דער נביא וועט דאווענען אויף דעם אז ער זאל לעבן, וועט זיין תפילה נישט אויפטוהן.

לויט דעם קען מען ערקלערן וואס דער אויבישטער האט געזאגט פאר אבימלך:

"וְעַתָּה הָשֵׁב אֵשֶׁת הָאִישׁ - כִּי נָבִיא הוּא", און ביז ווען ער האט נישט נבואה געזאגט אויף דיר אז דו וועסט שטארבן וועט ער נאך קענען דאווענען אז דו זאלסט בלייבן לעבן. ווייל "אִם אֵינְךָ מֵשִׁיב" - און וועגן דעם וועסטו מחויב ווערן מיתה, "דַּע כִּי מוֹת תָּמוּת" און זיין תפילה וועט דיך נישט קענען באשיצן.

'דרוש שמואל'

> **לוט איז געראטעוועט געווארן אין זכות וואס דוד איז פון זיינע אייניקלעך**
>
> **"וְכֹל אֲשֶׁר לְךָ בָּעִיר הוֹצֵא מִן הַמָּקוֹם"** (יט יב)
>
> "הוֹצֵא מִן הַמָּקוֹם" - איז די ס"ת 'אמן', אזוי אויך ביי די ווערטער: "הוֹצֵא מִן", איז באהאלטן די ווארט 'אמן'. פון דא קענען מיר לערנען אז לוט איז ניצול געווארן דורך די זכות פון דוד המלך וואס האט געשטאמט פון אים (אזוי ווי מיר זעהן אין רש"י גיטין ס ב ד"ה כתוב), און ער האט שטארק געלויבט דעם אויבערשטן מיטן ענטפערן אמן (ראה תהלים מא יד; עב יט; פט נג; קו מח).
>
> 'ויקח משה'

### א תלמיד חכם דאוונט נישט אויף זיך

**"כִּי שָׁמַע אֱלֹקִים אֶל קוֹל הַנַּעַר בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם"** (כא יז)

זאגט רש"י: מכאן שיפה תפלת החולה מתפלת אחרים עליו, והיא קודמת להתקבל (ב"ר נג יד).

פרעגט **רבינו אליהו מזרחי**:

אין מסכת ברכות (ה ב) דערציילט די גמרא אז ווען רבי יוחנן איז קראנק געווארן איז רבי חנינא אים געקומען באזוכן, און ווען ער האט צוגעזעהן זיינע יסורין האט ער אים געגעבן זיין האנט און דורך דעם האט ער אים אויסגעהיילט פון זיין קראנקהייט. פרעגט די גמרא: פארוואס רבי יוחנן אליינס האט זיך נישט געקענט העלפן? ענטפערט די גמרא: "אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים". זעהט מען דאך קלאר אין די גמרא אז א תפילה פון אנדערע איז שטערקער פון א אייגענע תפילה אויף זיך?

ענטפערט אויף דעם **'חתם סופר'** א וואונדערליכער תירוץ:

בדרך כלל איז די תפילה פון דער חולה אויף זיך בעסער ווי א תפילה פון אנדערע, אנדערשט איז אבער ביי א תלמיד חכם, ווייל ער האט נישט קיין אינטערעסע אין די עולם הזה'דיגן לעבן, אויך ווען ער איז קראנק בעהט ער נישט אויף זיך נאר אויף אנדערע, און וועגן דעם איז די לשון אין גמרא אין מס' ברכות: "אין **חבוש** מתיר עצמו", ד.מ.: דווקא א תלמיד חכם וואס איז **חובש** די בענק אין די בית המדרש (ראה שבת קב א), ער דאוונט נישט אויף זיך און ער דארף צוקומען צו די תפילה פון אנדערע.

'חתם סופר' ויגש (עמ' רכז)

### די ישמעאלים זאלן נישט שעדיגן די אידן

**"קוּמִי שְׂאִי אֶת הַנַּעַר וְהַחֲזִיקִי אֶת יָדֵךְ בּוֹ"** (כא יח)

אין איינס פון די ווינטער טעג אין יאר תש"ח, ווען פלוצלינג האט זיך אנגעהויבן צו הערן קולות פון שיסערייען פון די ריכטונג פון די אראבישע געגנטער, האט דער גור'ער רבי דער **'בית ישראל'** געזאגט:

"דער רבינו בחיי (לעיל פס' יד) שרייבט "עס איז נישט פאראאן נאך א פאלק אויף דער וועלט וואס זאל אזוי פיינט האבן די אידן אזוי ווי די ישמעאלים", און עס איז אינטערסאנט אז ער זאל אזוי שרייבן פאר הונדערטער יארן אין די צייט וואס די אידן וואס האבן געוואוינט אין די אראבישע לענדער האבן דארט געלעבט רואיג נאך בעסער פון די אידן וואס האבן געוואוינט נעבן די פאלק אדום. מ'קען טרעפן א רמז אויף דעם אין דער פסוק, וואס מ'קען עס טייטשן ווי א געבעהט פון די אידן צו די שכינה הקדושה: "קוּמִי שְׂאִי אֶת הַנַּעַר" - ד.מ. טראג אוועק דעם ישמעאל פון אונז, "וְהַחֲזִיקִי אֶת יָדֵךְ בּוֹ" - אים צו איינהאלטן, אז ער זאל נישט קענען שעדיגן.

עס איז געווען וואונדערליך אז ווען דער רבי האט געענדיגט צו זאגן דעם ווארט - זיין געבעהט, האט זיך אויפגעהערט די שיסערייען.

'פאר ישראל' עמ' רס

### די פינעף טעג וואס מיר שטייען אויף פריה

**"וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר"** (כב ג)

**רבי משה מַאט** א תלמיד פונעם מהרש"ל זאגט:

פינעף טעג אין לויף פונעם יאר שטייט מען אויף פריה: ראש השנה, יום כיפור, הושענא רבה, פורים און תשעה באב.

א סימן אויף דעם קען מען טרעפן אין דעם פסוק: "וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר"; 'אברהם' איז די סופי תיבות פון די טעג וואס מיר טשייען אויף פריה: **הושענא** (רבה), **תשעה באב**, **יום כיפור**, **ראש השנה** ו**פורים**.

'מטה משה' ענין הוש"ר סי' תתקנ"ח

### אויף וועלעכע נסיונות מעג מען דאווענען?

**"וַיֹּאמֶר בִּי נִשְׁבַּעְתִּי נְאֻם ה' כִּי יַעַן אֲשֶׁר עָשִׂיתָ אֶת הַדָּבָר הַזֶּה וְלֹא חָשַׂכְתָּ אֶת בִּנְךָ אֶת יְחִידֶךָ"** (כב טז)

"וואס האט אויסגעפעלט די שבועה? נאר אברהם האט געבעהטן: שווער מיר אז דו ברענגסט שוין מער נישט קיין נסיון פאר מיר און פאר מיין זוהן" (ב"ר נו יא)

פון דעם מדרש לערנען מיר אז א מענטש מעג דאווענען ער זאל נישט צוקומען צו א ניסיון, און אזוי ווי מיר בעהטן יעדן אינדערפריה ביי די ברכות השחר: "ואל תביאנו... לידי נסיון".

אבער לכאורה שטימען נישט די ווערטער מיט וואס עס שטייט אין 'מסילת ישרים' (פ"א): "דער עיקר פארוואס דער מענטש געפינט זיך אויף דער וועלט איז נאר כדי צו מקיים זיין מצוות **... און ביישטיין די נסיונות**".

ערקלערט דער גאון **רבי חיים קנייבסקי שליט"א**:

דער 'מסילת ישרים' באציהט זיך אויף די שוועריקייטן וואס א מענטש האט וועלנדיג מקיים זיין די מצוות וואס ער איז מחויב צו טוהן, דעמאלטס דארף ער וויסן אז ער געפינט זיך אויף דער וועלט כדי ער זאל ביישטיין די ניסיונות. אבער אברהם אבינו האט געבעהטן און אויך מיר בעהטן ביי די ברכות השחר אז מיר זאלן נישט האבן קיין נסיון וואס איז נאר כדי צו זעהן אויב מיר קענען עס ביישטיין, און אויף דעם מעג מען יא בעהטן.

'טיפה מן הים' ח"א עמ' קמח; 'שמעה תפילתי' עמ' מו

## היפלא מה' דבר?

דער רמב"ן זאגט אין אונזער פרשה (יח טו), אז מ'האט געפאדערט פון שרה אמנו אויף דעם וואס ביי איר אין הארץ האט זי געלאכט הערנדיג די ברכה פון דער מלאך אז זי וועט געבוירן א קינד, כאטש זי האט נישט געוואוסט אז ער איז א מלאך, דאך האט זי געדארפט ענטפערן 'אמן' אויף זיין ברכה.

א שטארקער דערהער האט פון דא ארויסגעלערנט מרן הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל: יעדער מענטש דארף ענטפערן 'אמן' אויף יעדע ברכה וואס מ'וואונטש אים אן, אויך אויב בדרך הטבע איז נישט פאראאן קיין מעגליכקייט די ברכה זאל מקויים ווערן.

(שו"ת 'אגרות משה' ח"ח, בקונט' 'מאן מלכי רבנן')

אמן. אויף יעדע ברכה.



# תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

## קריאת שמע אריינפיר (ג)

### די חשיבות פון ליינען קריאת שמע מיט כוונה

אויפן פסוק אין שיר השירים (ח יג): "הַיּוֹשֶׁבֶת בַּגַּנִּים חֲבֵרִים מַקְשִׁיבִים לְקוֹלֵךְ הַשְׁמִיעִנִי" דרש'ענען חכמים אין מדרש (שהש"ר שם):

"ווען די אידן גייען אריין אין די בתי כנסיות און זיי ליינען קריאת שמע מיט כוונה, מיט זי זעלבע שטימע און מיט די זעלבע מיינונג, זאגט דער אויבישטער צו זיי: 'הַיּוֹשֶׁבֶת בַּגַּנִּים' - ווען ענק ליינען קריאת שמע, 'חֲבֵרִים' - איך מיט מיין פמליא, 'מַקְשִׁיבִים לְקוֹלֵךְ הַשְׁמִיעִנִי'. אבער ווען די אידן ליינען קריאת שמע אפגעכאפטערהייט, איינער פריער און איינער שפעטער און אן כוונה, שרייט אויס די רוח הקודש: 'בְּרַח דּוֹדִי וּדְמֵה לְךָ לִצְבִי' (שם פס' יד) - צו די מיליטער פון אויבן וואס לויבן דיך צוזאמען מיט א זיסע שטימע" (שה"ש רבה ח יב).

פון די ווערטער פון מדרש קענען מיר זיך לערנען איבער די חשיבות פון די כוונה און די דקדוק וואס עס פעלט אויס ביי קריאת שמע, מער פון וואס עס פעהלט אויס ביי די אנדערע טיילן פון דאווענען, און אזוי שטייט אין שולחן ערוך (סי' סא) אין אנהויב די סימן וואס איז געאייגנט איבער די הלכה:

"יקרא קריאת שמע בכונה, באימה, ביראה, ברתת וזיע. 'אשר אנכי מצוך היום', היינו לומר - בכל יום יהיו בעיניך כחדשים, ולא כמי שכבר שמע אותו הרבה פעמים שאינו חביב אצלו".

### ליינען קריאת שמע מיט כוונה - איז א סגולה אויף רפואה

אויסער דעם הלכה'דיגן חיוב צו ליינען קריאת שמע מיט דקדוק און מיט כוונה, איז אויך דא אין דעם א עקסטערע סגולה אויף רפואה אזוי ווי חז"ל זאגן (זוה"ח רות דף ל ב):

וואס איז פשט אין פסוק (משלי ג ח): "רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ"? די תורה איז א רפואה פאר די קערפער און פאר די ביינער אויף דער וועלט און אויף די קומענדיגע וועלט. און וואס איז די רפואה? ביי קריאת שמע זענען פאראן רמ"ח ווערטער אזוי ווי די צאל פון די גלידער פון דער מענטש, און דער וואס ליינט קריאת שמע ווי עס דארף צו זיין, נעמט יעדער גליד איין ווארט און היילט זיך אויס מיט דעם.

עס ווערט דערציילט אויף דעם גאון בעל **'עמודי אש'**, אז איינמאל איז ער אנגעקומען דאווענען ווען איין באק פון זיין פנים איז געווען זייער אנגעבלאזן. ווען דער גאון **רבי חיים לייב פון סטאוויסק** האט עס באמערקט איז ער שטארק אויפגעציטערט געווארן און האט אים געפרעגט דערויף. האט דער **'עמודי אש'** געענטפערט אויף זיין פראגע: "צו מיין באדויער, נעכטן ביינאכט האב איך נישט גענוג מדקדק ביים ליינען קריאת שמע, וואס דאס האט צוגעברענגט אז מיינע ציינער האבן מיר ווי געטוהן א גאנצע נאכט ביז מיינע באקן האבן זיך אנגעבלאזן".

און אט, זעהט די וואונדער, נאך וואס ביים דאווענען שחרית האט דער **'עמודי אש'** ספעציעל מקפיד געווען אינזין האבן ביי קריאת שמע, איז די באק צוריק צו איר נאטורליכע גרויסקייט ווי ביז יעצט ('נטעי איתן' חלק ז אות א)

### דער וואס ליינט קריאת שמע מיט כוונה ווערט ניצול פון א עבירה

נאך טרעפן מיר אין גמרא (ברכות טו ב) אז ליינען קריאת שמע מיט כוונה טוהט ראטעווען פון יעדע זינד: "אמר רבי חמא בר חנינא: כל הקורא קריאת שמע ומדקדק באותיותיה מצננים לו גיהנם", ערקלערט דער בית יוסף (או"ח סב): "ס'קען זיין אז דער טעם פארוואס מ'קילט אים אפ די גיהנם, וויבאלד ער איז זיך מעורר און ער ווארעמט זיך אן מיט א נאטורליכע ווארימקייט ארויס זאגן ריכטיג די אותיות, אנשטאט דעם נאטורליכן ווארימקייט קילט מען אפ א אנדערע ווארימקייט אין גיהנם".

לייגט צו רבנו יהודה החסיד: ביים ליינען קריאת שמע זענען פאראן רמ"ח ווערטער - אקעגן די רמ"ח אברים וואס זענען דא אין א מענטש. און די ווארט 'עָוֹן' מיט די מילוי פון די אותיות (ד.מ. עי"ן, וי"ו, נו"ן) באטרעפט רמ"ח, און אנשטאט די 'עון' וואס וויל משפיע זיין אויף די רמ"ח אברים, אזוי ווי עס שטייט (יחזקאל לב כז): "וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם עַל עַצְמוֹתָם", קומט די קבלת עול מלכות שמים וואס ווערט אויך געטוהן דורך די רמ"ח אברים, אזוי ווי עס שטייט (תהלים לה י): "כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה ה' מִי כָמוֹךָ". און וועגן דעם זאגן די חכמים אז יעדער וואס ליינט קריאת שמע מיט כוונה ווערט געראטעוועט פון יעדע זינד ('שבלי הלקט' סי' טו).

### כוונה ביי קריאת שמע - איז א שליסל צו האבן כוונה אגאנצן דאווענען

אויסער די דערמאנטע סגולות, זעהט אויס אז ליינען קריאת שמע מיט כוונה האט אויך א ספעציעלע סגולה, וואס דורך דעם איז דער מענטש זוכה זיין צו מכוון זיין אגאנצן דאווענען.

אזוי שטייט אין 'פלא יועץ' (ערך קריאת שמע): "עס שטייט פון די מקובלים, אז לויט די כוונה וואס ער האט אינזין ביי קריאת שמע אזוי וועט ער קענען אינזין האבן ביים דאווענען. און דאס איז די כוונה פון דעם מאמר חז"ל (ברכות ה א): 'כל הקורא קריאת שמע... מזיקין בדלין הימנו' - די הויפט מזיקין זענען די וואס שטערן אינזין האבן ביים דאווענען און זיי פארדרייען אים די כוונה, און ווען ער ליינט קריאת שמע ווי עס דארף צו זיין, גייען אוועק פון אים די אלע מזיקין".

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די ברכה וואס האט פארטריבן

דער שוהל וואס איז פארבינדן מיט אונזער ערציילונג געפינט זיך אין די צענטער פון בונאס איירעס, ארגענטינא. אויפן בימה שטייט דער באקאנטער מזכה הרבים, דער מגיד רבי מאיר מיכאל גרינוואלד שליט"א, אינמיטן נאך א ווארימע דרשה איבער די נושא פון תפילה, ברכות און אמן.

דאס איז געווען אין ראם פון איינע פון די סאך רייזעס וואס הרב גרינוואלד פארט שטענדיג ארום מיט מסירות נפש צו אלע פלעצער ווי אידן וואוינען. דאס מאל האט ער זיך אפגעשטעלט אין די ווייטע ארגענטינא, ווי ער האט שוין עטליכע מאל באזוכט ביי זיינע רייזעס.

דער שול איז געווען פול פון איין עק ביזן צווייטן. דער פארזאמלטער ציבור הערט אויס מיט אינטערעסע צו די ווערטער וואס פליסן פונעם דרשנ'ס מויל, אויסגעמישט מיט פערל ווערטער פון חז"ל, וואונדערליכע ציטאטן פון די פריערדיגע ספרים מיט אינטערסאנטע ערשט-האנטיגע ערציילונגען, און די הערצער פילן זיך אן מיט התחזקות. אויך אין דער ווייבער שוהל הערשט א שטילקייט, און הרב גרינוואלד ווארעמט אן און איז מחזק אויף זיין שטייגער.

די דרשה האט זיך געענדיגט מיט א געבעהט צו די באטייליגטע זיי זאלן נישט איבער לאזן די ווערטער אין די לופט... נאר עפעס מיטנעמען אהיים. יעדער איינער פון די צוהערהער האט זיך משתדל געווען זיך צו מחזק זיין מיט עפעס, אזוי אויך די פרוי מרת ד., איינע פון די באטייליגטע; די ווערטער פון הרב גרינוואלד זענען אריין אין איר הארץ און זי אהיים צו איר הויז מיט א פעסטע באשלוס צו טוישן.

שוין א לאנגע צייט האט איר ווי געטוהן אז די ברכות ווערן געזאגט ביי זיי אין שטוב מיט א געוואוינהייט, אן צולייגן צופיל הארץ, און יעצט ביי די דרשה האט זי באשלאסן עס צו ענדערן.

די באשלוס איז אנגענומען מיט א שטארקע ברען ביי איר פאמיליע. דער פאטער האט באשלאסן צו א פארמעסט אויף דעם ענין און די גאנצע פאמיליע האט זיך צו דעם צוגעשטעלט מיט א התלהבות.

*

צוויי יאר נאכדעם, דער רעדנער איז ווידער געקומען קיין ארגענטינא, די צוהערער האבן קוים געקענט ווארטן אויף אים. די מעלדונגען האבן געברענגט א גרויסן ציבור, און אויך דאס מאל האט אויסגעזעהן אז די ווארימע דרשות ווירקן אויפן ציבור.

ביי די ענדע פון זיין רעדע, האט הרב גרינוואלד זיך אויפגעהאלטן אביסל צייט אזוי ווי זיין שטייגער איז, צוליב די וואס ווילן רעדן מיט אים איבער די טעמע פון די דרשה, אדער צו באקומען א עצה און ברכה. דער רעדנער הערט צו מיט געדולד צו די פראגעס און רעאגירט און ענטפערט אויף זיי.

פון די זייט פון זיין אויג באמערקט ער א מכובד'יגער איד וואס איז שיין אנגעטוהן וואס ווארט אום-געדולדיגט, ער האט זיך געאיילט צו אים. דער מענטש האט געוואלט דערציילן זיין אייגענע ערציילונג, און הרב גרינוואלד הערט זיך צו, פון מאל צו מאל איז ער געוואוינט צו הערן אזעלעכע סארט ערציילונגען איבער ניסים און ישועות, אבער די ערציילונג פון דעם איד איז געווען העכער יעדע פאנטאזיע.

"פאר ארום צוויי יאר זענט איר דא געווען", האט ער דערמאנט פאר הרב גרינוואלד וואס האט צוגעשאקלט מיט זיין קאפ, ער האט גוט געדענקט יענעם באזוך. "האסט זייער גוט ערוועקט דעם ציבור איבער די ענין פון ברכות און 'אמן', מיר אלע זענען ארויס געשטארקט פון די דרשה. פאר מיר איז עס שטארק געפעלן און מיר זענען ארויס פון דא מיט א באשלוס זיך צו מחזק זיין צו זאגן די ברכות און די 'אמן' מיט א ספעציעלע כוונה.

אונזער הויז האט זיך דעמאלטס געטוישט. די פשוטער אטמאספער וואס האט שטענדיג געהערשט אין שטוב האט געמאכט פלאץ פאר א דערהויבענע אטמאספער אנגעזאפט מיט קדושה און יראת שמים, די קינדער האבן זיך אויך מחזק געווען, און אויך אין זייערע לערנונגען האבן זיי זיך פארבעסערט.

איז בעפאר אלעם קומט זיך פאר דיר אויף דעם א געוואלדיגן יישר כח!

אבער די ערציילונג איז נאכנישט געענדיגט. עס האט זיך נישט געענדיגט ביזן היינטיגן טאג, אבער די איבערראשנדע פארזעצונג האט פאסירט פאר ארום צוויי וואכן.

אויף מיין פרנסה האנדל איך מיט טייערע שטיינדלעך, די געגנט וואו מיר וואוינען איז ארום גענומען מיט געגנטער פון באנדיטן, וואס דאס ברענגט צו אז דער וואס קומט אריין צו אונזערע הייזער, וועט עס אים אויסזעהן ווי ער וואלט אריין אין א פעסטונג. דער הויז איז ארום גענומען מיט א מויער, און פארגעשריטענע קעמער'ס וואס זענען באהאפטן פיר און צוואנציג שעה אין טאג.

אבער 'אם ה' לא ישמור עיר שוא שקד שומר'. די אלע באשיצונגען האט נישט געהאלפן ווען צוויי געריבענע און פעסטע רויבער'ס האבן זיך געקליגט איבער אלעס און עס איז זיי געלונגען זיך אריינברעכן אינעווייניג. דאס האט פאסירט איז גאנץ א פריה נאכט שטונדע, נישט קיין געוועונליכע צייט אויף אזא 'ארבעט', און פון זייער זייט איז עס געווען זייער א גוטע צייט צו איבערראשן...

מיין פרוי האט געהאלטן אינמיטן אנגרייטן א נאכטמאל, די קינדער זענען געשפרינגען ארום איר ווען יעדער פראבירט צו באקומען איר אויפמערקזאמקייט מיט זייערע ערציילונגען. גאנץ א שווערע צייט.

אינמיטן האט זי געפילט א דארשט, זי האט זיך אנגעפילט א גלאז קאלטע וואסער, די קינדער האבן זיך צוזאם גענומען ארום איר אזוי ווי אייביג, זייווארטן אויף די ברכה וואס וועט געזאגט ווערן מיט כוונה כדי צו ענטפערן אמן, און פלוצלינג האבן איינגעבראכן אין קאך צוויי מענטשן מיט פארדעקטע פנימ'ער, מיט אויסגעשטרעקטע רעוואלווער'ס מיט א ווארענונג וואס מ'האט נישט געקענט אנדערש טראכטן.

וויפיל דו גרייסט זיך אויף דער מינוט, און אין אונזער געגנט זענען מיר אלע גרייט צו דעם, דאך כאפט עס דיר אן מיט א איבערראשונג. מיין פרוי מיט מיינע קינדער האבן פארלוירן זייער אטעם און די פארב פון זייער פנים איז אינגאנצן פארלוירן געווארן.

די גלעזל וואסער איז פון גרויס שרעק שיער ארויס געפאלן פון מיין ווייב'ס האנט, אבער זי האט געטראכט א סקונדע, ווי פון הימל וואלט מען איר באלויכטן, און זי האט געזאגט די ברכה, דו קענסט זיך נאר פארשטעלן וויאזוי זעהט אויס א ברכה אין אזא צושטאנד, די קינדער האבן געשריגן 'אמן' אזוי ווי זיי האבן נאך קיינמאל נישט געשריגן.

און דעמאלטס האט פאסירט דער נס, א נס וואס איך קען עס אינגאנצן נישט ערקלערן, איך האב אויך נישט פון וועמען צו בעהטן א ערקלערונג אויף דעם... ווייל די רויבער'ס האבן זיך פשוט אויסגעדרייט און אנטלאפן פון דארט מיט ציטער.

איך האב נישט, ווי געזאגט, קיין שום וועג צו ערקלערן דעם נס, אפשר וועט דער געשעצטער רב עס קענען ערקלערן" - האט דער מענטש געענדיגט זיין ערציילונג און איז שטיל געליבן.

הרב גרינוואלד האט באמערקט אז אינצווישן האט זיך צוזאמגענומען ארום אים נישט קיין קליינע גרופע. עס האט אויסגעפעלט ער זאל עפעס אויף דעם רעאגירן, און דעמאלטס האט ער זיך דערמאנט אין די ווערטער פון דעם אור החיים הקדוש, וואס פון מאל צו מאל זאגט ער עס ביי זיינע דרשות.

אזוי זאגט דער אור החיים הקדוש אין פרשת בחקותי (כו ח): חז"ל זאגן (במדב"ר יח כא) אז דוד המלך האט מתקן געווען מ'זאל זאגן מאה ברכות יעדן טאג, כדי צו געראטעוועט ווערן פון די מגיפה וואס האט אויסגע'הרג'עט די בחורי ישראל. א וואונדערליכער רמז אויף דעם קען מען טרעפן אין דעם פסוק: "וּמֵאָה מִכֶּם" - די מאה ברכות וואס ענק זאגן יעדן טאג, "רְבָבָה יִרְדֹּפוּ" - וועלן נאכיאגן די צעהן טויזנט מזיקים וואס זענען שטענדיג ארום דעם מענטש, אזוי ווי עס שטייט (תהלים צא ז): "יִפֹּל מִצִּדְּךָ אֶלֶף וּרְבָבָה מִימִינֶךָ אֵלֶיךָ לֹא יִגָּשׁ".

אויב די כח פון א ברכה איז אזוי גרויס, האט הרב גרינוואלד אויסגעפירט, איז דאך זיכער אז די כח פון א אמן איז אזוי, ווייל 'גדול העונה יותר מן המברך'.

צו א בעסערער ערקלערונג פון דעם האט נישט געדארפט הרב גרינוואלד, אויך נישט דער פארזאמלטער עולם, וואס האט פארלאזט דעם פלאץ מיט א דערהויבענע געפיהל.

האבן מיר דען אין אונזער געגנט א בעסערער אפהיטונג פון דעם?!

*

מיט דעם האט זיך נישט געענדיגט זיין ערציילונג:

א קורצע צייט נאכדעם איז הרב גרינוואלד געווען אין ארץ ישראל, ער איז געבעהטן צו רעדן ביי א חיזוק-פארזאמלונג וואס איז פארגעקומען אין א חשוב'ע קהילה, לזכר פון א מיטגלידער פון דער קהילה, א טייערער יונגערמאן וואס איז גע'הרג'עט געווארן אויף קידוש ה'. די ערציילונג האט נאך געקלינגען אין זיינע אויערן און ער איז געווען זיכער ביי זיך אז ער וועט דאס דערציילן פאר די צוהערהער.

אינמיטן די דרשה האט הרב גרינוואלד באמערקט צייכענעס פון התרגשות אויף די פנים פון א יונגער בחור'ל. ביים ענדע פון די דרשה איז צוגעקומען צו אים דער בחור און אים געזאגט:

"איך בין דער זוהן פון דער נפטר וואס לזכרו איז פארגעקומען דער פארזאמלונג. דו זאלסט וויסן אז פון דער אומגליק האט איך זיך נישט דערוואגט ארויס גיין אין גאס פון גרויס שרעק. יעצט ביזסטו געקומען ווי א מלאך פון הימל מיט דיין ערציילונג... יעצט פיל איך אז איך וועל זיך קענען דרייען אין די גאסן אן קיין ציטער. איך האב דאך א פערזענליכע באשיצונג וואס איז נישטא אין איר גלייכן - מקפיד זיין אויף ברכות און אמן".

(געהערט פון דער מגיד רמ"מ גרינוואלד)

עיצובים shay